„Radomer-Kielcer Leben“ 13 (353) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem“ VIII-ער יאָהרגאַנג פּרייז 25 גראָשען

# ראַדאָמער-קעלצער לעבן

הײנט 8 זײטן.

Radom, dnia 27 Marca 1931 r.

ראַדאָם, פרייטאָג ט' ניסן תרצ"א

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20.

Oddział w Kielcach.

אַנאָנסען - פּרייז:
אין מילימעטער שורה: פאַרן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאָכ'ן " 25 "
די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאַלטען 8 שפּאַלטען
אין טעקסט 4 "

די חעהרטע פרוי **עלקעלע גאָלדבערג** מיט איהר פאַמיליע
צו די האָכצייט פון זייער יונגסטער טאָכטער
און שוועסטער
**טאָבטשע** מיט ה' **י. צוקער** אויס וואַרשא
ווי אויך צו די תנאים פון איהר זוהן און ברודער, אונזער קאַסירער
**הלל גאָלדבערג** מיט פר"ל **גיטל בלאַוואַט** אויס לאָדז
ווינשען מיר פיעל גליק און נחת.

דאָס פערסאָנאַל פון די פירמע
**א. גאָלדבערג עט זעהנע**

פ"ר צביה סאַמעלסאָהן, פייטשע גאָלדפאַרב, ליבע רייך, ה"ה: הערשיל געלדבערג, אהרן גוטמאַן, שמואל צוקער, יעקב פריליך, לייביש זיגמאַן, לייביש האַבערמאַן, ישראל דוד ניימאַרק, דוד רייך, לייזער ציטרינאָוויטש, טוביה ציטרינאָוויטש, ישראל שטערנבערג, שלמה ראַקאָטש, ווינוועל יבוצה, שמעון גוטמאַן, אפרים רייך.

אונזערע הערצליכסטע גליקווינשען דער וו. פרוי ע. גאָלדבערג
צו דער האָכצייט פון איהר טאָכטער **טאָבטשע**
און צו די תנאים פון איהר זוהן **הלל**
מיר ווינשען די יונגע פּאָרלעך, אַז גליק און צופרידענהייט
זאָלען בעגלייטען זייער נייעם לעבענס וועג.

**בנימין רייך** עט פרוי.

דעם גרינדער פון האַנדווערקער-קלוב אונזער ח'
**משה רובינשטיין** מיט זיין **פרוי**
צו דער האָכצייט
פון זייער ליבע טאָכטער **סאַלאַ רובינשטיין**
— מיט ה' —
**אַלעקסאַנדער ראָטענבערג**
וועלכע איז פאָרגעקומען פרייטאָג דעם 20/3
ווינשען מיר זיי פיעל נחת
און דעם יונגען פּאָרל א בליהענדע צוקונפט.

| | |
|---|---|
| חיים קאַרמאַן עט פרוי | **משה וואַרשאַור** עט פרוי |
| צמח גוטמאַן עט פרוי | **מאָטעל שולדמאַן** עט פרוי |
| זינדעל ראַזיצקי עט פרוי | **פישל פרידמאַן** עט פרוי |
| יוסף לייב ראָזענבוים עט פרוי | **אבא קאָטץ** עט פרוי |
| ישראל ווײדמאַן עט פרוי | **יודע פוטערמאַן** עט פרוי |
| צאַלקע בלייוואַס עט פרוי | **פסח ווייסבארד** עט פרוי |
| יצחק שניידער עט פרוי | **יצחק וואָלאַנאָווסקי** עט פרוי |
| מאַקס טשעחאַנאָווסקי עט פרוי | **מאַקס בוירמייסטער** עט פרוי |
| יאָסיל פרידמאַן עט פרוי | **יאַקוב פייגענבוים** עט פרוי |
| יאַנקיל פישמאַן עט פרוי | **י. י. מאַגנישעווסקי** עט פרוי |
| יאָסיל פּאָטאַזשניק עט פרוי | **שלמה פישמאַן** עט פרוי. |

צוליב דער חתונה, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 16 מערץ 1931
פון מיין ליעבען שוואָגער
**משה פלטיאל צווייגענבערג**
מיט מיין ליבע קוזינקע
**בעלאַ זילבערשפּאָרן**
שענק איך אָנשטאָט בלומען 200 זלאָטעס פאַר אָרימע בכבוד'ע יודען
פון ראַדאָם, א דאַנק דער אינטערווענץ פון ר' שמואל קאָרמאַן.

**יאַנקיל בלאָשטיין**
ראַדאָם — איידעם פון ר' **הירשל פיליווער** ז"ל

Czystość — to zdrowie!

DLACZEGO

wszyscy oddają swoją **garderobę** do prania lub farbowania tylko do firmy

# O. R. HEMPEL

firma egzystuje **1880 r.**

*farbiarnia parowa i pralnia chemiczna*

**FILJE: ul. Żeromskiego 1, ul. Żeromskiego 37 tel. 520**
**ul. Staromiejska 2, FABRYKA ul. Staromiejska 7 (d.5) tel. 52?**

DLATEGO

że garderoba, uprana, lub ufarbowana w zakładach chemicznych **O. R. Hempel** wychodzi zawsze jak nowa.

Ceny przystępne — Robota solidna

דראָהונג פון שטראָף-קאָנסעקווענצען צו ווייזען יענע חפצים.

— אָבער פאַניע, יענץ חפץ איז מיר שווער אייך פאַרצושטעלען. —

— וואָס איז דאָס אזעלכעס און ווי הייסט עס? — איז דער עקזעקוטאָר נישט אָבגעשטאַנען און אַלץ געפאָדערט דאָס זייניגע.

— מיין פערמעגענס, וואָס איז מיר נאָך געבליבען, פאַניע לעבען, הייסט חעמאָרידען — האָט דער יוד קוים זיך געוואגט אויסצוזאָגען דעם סוד.

— יאָק, העמאָרידיז — האָט דער עקזעקוטאָר זיך גע'חידושט — זאָל זיין העמאָ־ידען, אָבער ווערפה איז עס עפעס?

— דאָס ווייס איך נישט, ווי פאר ווע־מ־ין — האָט דער יוד געענפערט מיט שטויגונג, וואָס דער עקזעקוטאָר פערשטעהט איהם נישט.

— וואָס פערדרעהט איהר א קאָפּ, ווייזט וואָס איהר האָט און א סוף — איז שוין דער עקזעקוטאָר ארויס פון געדולד.

— אָבער פאַניע, וואָס זאָל איך טוהן, אז דאָס חפץ געפינט זיך גראָד אויף אזא אָרט, וואָס מ'קאָן נישט ווייזען, וואָס בין איך שולדיג?

מ'האָט זיך געשפּארט אהין און אַהער. דער סוף איז געווען, אז דער עקזעקוטאָר איז אוועק בייז מיט דער התראה, אז ער וועט דעם יוד איינקלאָגען פאר נישט וועלען אויסגעבען דעם פערמעגען-בעשטאַנד.

# העבּרעאישע מאטורע=עגזאמענס אין גימנאזיום „חובבי=דעת".

פאַריגע וואָך זענען אין גימנאזיום „חובבי דעת" פאָרגעקומען די יעהרלי־כע העברעאישע מאָטורע - עקזאמענס מיט דער בעטייליגונג פון ד״ר ווייס, דאָצענט פון וואַרשאָווער יוראיסטישען אינסטיטוט. דעם עקזאמען האָבען אויס־געהאַלטען אלע שילער פון דער 8 קלאַס, וועלכע זענען צו איהם צוגע־לאָזט געוואָרען. די שילער האָבען ארויסגעוויזען א גרויסע קענטניש פון אלע יודאיסטישע לימודים. מאַטורע־צייגנישען האָבען בעקומען די שילער: אונגער ירחמיאל, גאָלדפאַרב שמאי, קאָרמאַן גד, פרידמאַן יאיר, ניימאן יהודה, שאַפיר דוד, שאפיראָ צבי, און שיצער דבורה.

די שטאדט=גאזאווניע
— פערקויפט —
הורט און דעטייל
פרעפּאַרירטע סמאָלע — קארבאָלינעאום
און קאָקס
צו בעדייטענד ביליגע פרייזען
— פיהרט אויס —
גאז=אינסטאלאציעס
וואַננע אייוועלעך
קיכלעך צו קאָכען
אייוועלעך צו וואַרימען
— בעשטעלונגען נעמט-אָן —
GAZOWNIA MIEJSKA
MŁODZIANÓW, Tel. 134 skrz. p. 28

# פון דעם ציוניסטישען לעבען אין ראדאם.

(קאָמוניקאַט)

לעצטענס איז פאָרגעקומען א אויסערגעוועהנליכע אלגעמיינע פערזאַמ־לונג פון די מיטגלידער פון דער ציוניסטישע אָרגאַניזאציע. די פערזאַמ־לונג האָט אויסהערענדיג דעם בעריכט וועגען דער לאַגע אין דער אָרגאַניזאַ־ציע, אויסגעוועהלט א נייעם קאָמיטעט, אין וועלכען עס זענען אריין די ה״ה: פראָפ. מושקאטבלוט, מ. ל. פישמאַן, ש. צוקער, א. באקמאַן, מ. באקמאן, מ. באַנקער, י. ווייסבאָרד, מ. גראַנעק, ה. רוטמאַן, ש. ראָזענבערג, גאָלדפארב, אייגער, ווינשטאָק, קאָרמאַן (דגני) און א. פישמאָן.

צום שלוס פון דער פערזאמלונג האָבען די מיטגלידער פון דעם ניי־געוועהלטען קאָמיטעט, מ. ל. פישמאן און ש. צוקער פייערליך ערקלערט, אז דער נייער קאָמיטעט שטעלט זיך אלס אויפגאבע צו סאַנירען די אָרגאַניזאציע און זי צו פערשטאַרקען. זיי האָבען אויך צוגעזאָגט, אז ביי יעדערער וויכ־טיגער אַקציע וועט דער קאָמיטעט זיך צופאַסען צו די „פערלאַנגען" פון די מיטגלידער פון דער ציוניסטישע אָר־גאַניזאציע.

דער פאָרש-עהער פון צ. ק. פון דער ציונ. אָרג. אין פוילען ה' אדוו, א' טאַלפע בעגריסט דעם ניי-געוועהל־טען קאָמיטעט און דריקט אויס זיין האָפנונג, אז דער קאָמיטעט וועט טהון אַלץ, כדי צו שטעלען די ציונ. אָרג. אין ראדאָם אויף דער געהעריגער הויך.

דער קאָמיטעט האָט זיך קאָנסטיטו־אירט אויף דעם פאָלגענדען אופן: מ. ל. פישמאָן, מ. באַקמאָן, ש צוקער — פרעזידיום, מ. גראַנעק — קאַסירער, ראָזענבערג - סעקרעטאָר.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די בעפאָר־שטעהענדע וואַהלען צום קהלה-ראַט, האָט דער קאָמיטעט געשאַפען א וואהל־קאָמיטעט, וועלכער וועט אָנפיהרען מיט דער וואהל-אקציע. דער קאָמיטעט האָט ארויסגעלאָזט אין שטאָדט א אויפ־רוף מיט דער אויפפאָדערונג נאָכצוזע־הען די וועהלער - רשימות, וועלכע זענען אויס עלעגט צום קאָנטראָלירען אין לאָקאַל פון דער קהלה. גלייכצייטיג איז אין לאָקאַל פון דער ציונ. אָרג. געעפענט געוואָרען א רעקלאַמא־ציאָנס-ביוראָ, וואו אלע, וועלכע זענען צוליב פערשידענע סיבות נישט אריינ־געטראָגען געוואָרען אין די וועהלער־רשימות, וועלען קענען געגען דעם אונגערעכטען צורופען זייער רעכט צום וועהלען רעקלאַמירען. אין אַלגע־מיין זעהט זיך לעצטענס א אויפלעבונג אין דער ראדאָמער ציוניסטישער אָר־גאניזאציע, וועלכע איז אין משך פון א לענגערע צייט געלעגען אין א לע־טאַרגישען שלאָף.

# יאנאס טורקאוו מיט זיין אנסאמבל אין ראדאם.

ווי מען טיילט אונז מיט, האָט דאָס אויסשליסליכע רעכט אויפצופיהרען אין פוילען אויף דער יודישער ביהנע די אויסגעצייכענטע פיעסע „10 יאָהר אין איין סעקונדע" (א אפגענאַרט פאַמיליען־לעבען) פון בעוויסטען פראנצויזישען דראמאטורג מארצעלויס שיפער, בעקו־מען דער בעריהמטער יודישער אַרטיסט און רעזשיסער יאָנאָס טורקאָוו, וועל־כער קומט צו אונז נור אויף איין פאָרשטעלונג און וועט אויפפירען מיט זיין אַנסאַמבל זונטאָג דעם 5-טען אַפּריל אין טעאַטער „ראָזמאַיטאָשטשי". די ידיעה האָט ארויסגערופען א גרויסען אינטערעס אין אלע קרייזען און שיכטען פון ליבהאבער פון בע־סערען יודישען טעאַטער און עס איז פאַראויסצוזעהן א איבערפולט טעאַטער אויף דעם העכסט אינטערעסאַנטען פאמיליען פראָבלעם מיט יאָנאָס טור־קאָוו בראש.

כדי צו געבען די מעגליכקייט אַלע קרייזען פון טעאַטער-ליבהאבער צו זיין אויף דער פאָרשטעלונג האָט די דירעקציע בעשטימט צוגענגליכע פריי־זען פון בילעטען, וועלכע זענען צו בעקומען אין אַפטייק-סקלאַד פון ה' צימערמאָן, לובלינער 11.

# דאנקזאגונג.

די געזעלשאפט „תומכי עניים" אין קעלץ, דריקט אויס
א הארציגען דאנק די בעקאנטע און איבעראל בעוואוסטע
# ווײַן און מעד־פאַבריק „ווינום" אין קעלץ
פאר'ן אוועקשענקען אומזיסט 300 פלאשען ווײַן אויף ארבע כוסות
פאר די קעלצער אָרימע אידען.

זאָל דער שעהנער און ערהאבענער טהאט פון דער פירמא „ווינום"
אין קעלץ, דיענען אלס בײַשפיעל פאר פיעל אַנדערע קעלצער פירמעס
און סתם פערמעגליכע פערזאָנען.

די געזעלשאפט **„תומכי עניים"**
— אין קעלץ. —

p. Prezesowi Rady Nadzorczej **M. Rubinsztajnowi**
z okazji zaślubin córki
**Sali z p. A. Rotenbergiem**
zasyła serdeczne życzenia

**p e r s o n e l**
**Sp. B-ku Rzemieślniczego**
w **Radomiu.**

א הערצליכען מז"ט ווינש איך מיין חבר משה רובינשטיין עט פרוי
צו דער האָכצייט פון זייער טאָכטער
סאַלע מיט ה' א. ראָטענבערג
דעם יונגען פּאָר'ל א גליקליכע צוקונפט
**שמואל אײַדעלבוים** עם פרוי.

דעם פרעזעס פון דער קאָאָפּ. האנדוו.-באנק ה' מ. רובינשטיין
ווינשען א הארציגען מז"ט צו דער האָכצייט פון זיין טאָכטער
סאַלע מיט ה' א. ראָטענבערג
**דער ראט און פערוואלטונג**
**פון דער קאָאָפּ. האנטוו.-באנק אין ראדאם.**

**Zarząd Banku Kredyt.-Spółdzielczego**
**Sp. z ogr. odp. w KIELCACH,**
zawiadamia niniejszym swoich członków, iż w dniu 6 kwietnia r. b. o godz. 6-ej w 1-szym terminie, lub o godz. 8-ej p. p. w drugim terminie, bez względu na ilość obecnych, odbędzie się we własnym lokalu, przy ul. Marszałka Piłsudskiego Nr. 6

# WALNE ZGROMADZENIE

z następującym porządkiem dziennym:

1. Zagajenie Zgromadzenia.
2. Wybór Przewodniczącego Walnego Zgromadzenia
3. Odczytanie protokułu z poprzedniego Walnego Zgromadzenia
4. Odczytanio bilansu i r-ku Strat i Zysków
5. Zatwierdzenie bilansu wraz z r-kiem Strat i Zysków za r. 1930
6. Podział zysku
7. Budżet na rok 1931
8. Określenie najwyższej sumy zobowiązań, jakie Spółdzielnia może zaciągnąć
9. Oznaczenie granic najwyższego kredytu, jaki może być udzielony członkowi Spółdz.
10. Wybory do Radz i Zarządu 11. Zmiana par. 12 Statutu
12. Upoważnienie Zarządu do prowadzenia wszelkich spraw sądowych w imieniu Spółdzielni)
13. Wolne wnioski

**Bank Kredytowo-Spółdzielczy**
Sp. z ogr. odp. w KIELCACH.
(—) P. Złoto (—) M. Kohn (—) E. England

# וואָרנונג
**פאַר אונזערע ג. קאָנסומענטען פון דער שטאָדט ראדאָם.**

מיר מאכען אויפמערקזאם אַלע קאָנסומענטען פון ראדאָם און אומגעגענד,
דאָס די טהע פון דער ראדאָמער פאקאָוואַניע אונטער דער פירמע

# ANGLO STAR TEE London

וועלכע פערקויפט די טעע אין די שזובען איף ראָמעס און פערפאַקט זיך
איף דער פירמע **WYSOCKI i S-ka** האָט קיין שום געמיינזאמעס נישט
מיט דער ריכטיגער לאַנגיעהריגער טהע פירמע

**W. WYSOCKI i S-ka Moskwa**
**THE ANGLO ASIATIC C°**
L. t. d. London Oddział w GDAŃSKU

מיט דער לאַנגיעהריגער מארקע „שיף"
פערטרעטער איף דער קעלצער וואָיעוואָדזשאַפט

**Z. BIRENCWEIG**
**Radom.**

ZNAK OCHRONNY

כשר לפסח קאָנקורענץ! כשר לפסח
# ווייז, מעד, י"ש, כרמל
די לאַנג עגזיס־טירענדע פירמע **„ירמיה ראָזענבערג"** וואָלאָווא (21)
אין פערזעהן אויפ'ן קומענדען פסח מיט א גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע
**ווייַנען אויסלענדישע און איינלענדישע, מעד,**
**י"ש 96° ווי אויך כ־מל־ווין און קאָניאק.**
די רעילקייט און כשרות פון דער פירמע איז אלעמען בעקאנט.
דעריבער קויפט — נור ביי — **ירמיה ראָזענבערג** וואָלאָווא № 21

# כשר לפסח
די בערימטע טעע **וו. וויסאָצקי** עט קאמפ.
און שאקאלאד און קאקאא **Anglas**
מיט א ספעציעלען הכשר פון ווארשאווער און דאנציגער ראבינאט
איז צו בעקומען אין אלע קאָלאָניאל געשעפטען.

יר ווריקן אויס דעם טיפס ן מיטגעפיהל דעם ה' **מאקס טשענטשאָווסקי**
צוליעב דעם טויט פון זיין פאָטער
# ל י י ז ע ר ז. ל.
**די דאמען סעקציע**
ביים שניידער פאך אין ראדאָם.

# מכירת חמץ
בצת ידידים (מחמת דוחק הזמן) בעהט איך אלע מיינע פריינד דוכאויס
צי פערשרייבען ביי מיר מכירת חמץ
ולכל השומע יונעם ותבא עליו ברכת טוב!
מורה הוראה **פערקאל** רינעק (7) 6

**PRZETARG.**

Gazownia Miejska w Radomiu ogłasza przetarg na nieograniczoną dostawę

**fityngów czarnych od 2½ do 3/8**

W ofercie należy podać termin dostawy i warunki płatności.

Oferty należy składać w zalakowanych kopertach z napisem „Oferta na fityngi" w biurze Gazowni Miejskiej do dnia 30 Marca 1931 r.

pod adresem:

**GAZOWNIA MIEJSKA**
**RADOM,**
**Skrzynka pocztowa 26.**






א הערצליכען מז"ט ווינשען מיר
דעם ה' וויילק
צו זיין האכצייט מיט פרל'
קארמאן.

חברים ג קראקאדסקי, קיעלץ.



# אכטונג עלטערען!

צי איז אייך בעקאַנט, אַז כמעט א האלב־יאָהר עקזיסטירט אין ראַדאָם

א 7-קלאַסגע יודישע „שול-קולט" שול!

מיט רעגירונגס-רעכט וואָס איהר פּראָגראַם ענטשפּרעכט 4 קלאַסען גימנאַזיע!!

צי ווייסט איהר, אַז די „שול-קולט" איז לויט איהר וועזען און כאַראַקטער די איינציגע נאַציאָנאַל-וועלטליכע יודישע שולע אין ראַדאָם!!

די „שול-קולט" שולע, אין וועלכער עס ארבייטען רוטינירטע און קוואַליפיצירטע לעהרער - פּעדאַגאָגען, האָט זיך געשטעלט אלס אויפגאַבע צו דערציהען א דור פון געבילדעטע יודען און גוטע בירגער.

יודאַאיק (תנ"ך, תּלמוד, העבּרעאיש, יודישע געשיכטע) פערנעמט זעהר א ברייטען אָרט אין לערן-פּראָגראַם פון דער שולע.

יודיש און העבּרעאיש ווערען זעהר ערנסט בעהאַנדעלט און שטעהען אויף א הויכער מדרגה. דער פּראָגראַם פון די אלגעמיינע למודים ענטשפּרעכט ריכטיג 4 קלאַסען רעגירונגס-גימנאַזיע.

עלטערן! געדענקט אָן דעם ריכטיגען דערציהונגס-אנשטאַלט

„שול-קולט" אין ראַדאָם

(וויטאָלדא 7)


# קעלצער אבטיילונג

## די גרויסע לויה פון ראַטמאַן גאָלדשיידער ז"ל.

טויזענדער מענשען פון אַלע שיכטען פון דער קעלצער יודישער בעפעלקערונג האָבען זיך פאַריגען דאָנערשטאָג פערזאַמעלט, בכדי אָפּצוגעבען דעם לעצטען כבוד דעם יונג-פערשטאָרבענעם געזעלשאַפטליכען עסקן, האַנדווערקער-פיהרער אין קעלץ, ראַטמאַן יוסף גאָלדשיידער.

פּינקטליך 3 אזייגער נ. מ. ריהרט דער לויה-צוג פון אָרט. נאָכ'ן אָרון געהען די נאָהנטע פאַמיליע פון פערשטאָרבענעם און צעהנדליגער דעלעגאַציעס מיט די פערוואַלטונג'ס-מיטגלידער פון האַנדווערקער-פעראיין בראש. צווישען די דעלעגאַציעס זעהט מען אויך דעם שטאָדט-פּרעזידענט טשיכאַצקי און פּרעזעס פון שטאָדט-ראַט מאַסאַלסקי.

די אָרדנונג אויפ'ן גאַנצען וועג ביז צום צום בית-עלמין האָבען מיסטערהאַפט געפיהרט די האַנדווערקער.

אויפ'ן בית-עלמין הויבען זיך אָן די טרויער-רעדעס. דער ערשטער רעדט דער קעלצער רב ראַפּאַפּאָרט. היות אָבער, ווי עס איז אין חודש ניסן, ווען מען טאָר נישט מאַכען עפ"י דין קיין הספּדים, ערקלערט בלויז הרב ראַפּאַפּאָרט, אַז יער נפטר האָט געהאַט גרויסע פערדיענסטען פאַר אונזער שטאָדט און זיינע גוטע מידות און ריהמפולע טעטיגקייט זענען מחייב מען זאָל איבער איהם מאַכען א הספד. הרב ראַפּאַפּאָרט דריקט אויס דעם טיעפסטען צער דעם קעלצער יודישען האַנדווערקערטום און דער טרויערענדער פאַמיליע צוליב זייער גרויסע אבידה.

אין נאָמען פון דער פאָלקס-באַנק רעדט דירעקטאָר י. מ. רייזמאַן. ער גיעט איבער וועגען דער ענערגישער ארבייט, וואָס דער פערשטאָרבענער גאָלדשיידער האָט יאָהרען לאַנג געווידמעט דער ענטוויקלונג פון דער פאָלק'ס-באַנק. תמיד האָט ער געשטרעבט, אַז די באַנק זאָל בעקומען א אייגענעם בנין. אַט איז זיין שטרעבונג פערווירקליכט געוואָרען, אָבער גאָלדשיידער האָט ליידער, ווי עס איז דער גורל פון פיעל יודישע קעמפער און פיהרער, נישט זוכה געוועזען צו זעהן די פערווירקליכונג פון זיין האָפנונג און שטאַרקען בענעהר. זיין נאָמען וועט בלייבען שטענדיג אין זכרון.

אין נאָמען פון יודישען ראַטמענער-קלוב רעדט ראַטמען ד"ר פעלץ.

לענגערע און איינדרוקספולע רעדע האַלט דאַן אין נאָמען פון האַנדווערקער-פעראיין דאָזאָר ש. לייכטער. דער רעדנער קען זיך נישט בעהערשען און רעדט מיט א געבראָכענער שטימע.

מיט יאָהרען צוריק, ווען חבר גאָלדשיידער האָט פערלאָזט פוילען, האָט מען איינגעאָרדנט אינפּאָזאַנטע געזעגנינג'ס באַנקעטען. דאַן אָבער, איז ער צו אונז צוריקגעקומען פון יענער זייט ים, א טרייער, איבערגעגעבענעם פיהרער האָבען מיר היינט פערלוירען. דער רעדנער דערצעהלט דאַן נאָך וועגען די אונערמידליכע ארבייט, וואָס דער פערשטאָרבענער האָט געלייסטעט זייט יאָהרען פאַר דעם יודישען האַנטווערקער. דאָס אָרגאַניזירטע האַנדווערקערטום, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר א שטאַרקען כח, איז אַלץ א דאַנק דער ארבייט פון גאָלדשיידער'ן!

דער זוהן פון פערשטאָרבענעם זאָגט קדיש, דער הויפּט-חזן ווינער מאַכט א „אל מלא רחמים" און — די לעצטע רירלעס ערד פאַלען אויף דעם פרישען קבר...

# וואהל-כראניק.

היינטיגע וואָך איז אין קהלה-לאָקאַל שוין געוועזען ארויסגעלייגט די וועהלער-רשימה. אַלע פעראינטערעסירטע פערזאָנען, האָבען נאָך די מעגליכקייט ביז מאָנטאָג דעם 30-טען נאָכצוקאָנטראָלירען, אויב זייערע נעמען פיגורירען אין די רשימה. אין אַלגעמיין זענען פערצייכענט געוואָרען העכער 3500 וועהלער. אזוי אָרום וועט געברויכט ווערען ביז 250 שטימען אויף איין מאַנדאַט אין קהלה-ראַט.

אין קעלצער אגודה-לאַגער איז נישט היימליך. אויף איינער פון איהרע לעצטע זיצונגען, האָט א פאָרשטעהער פון די „צעירים" ערקלערט, אַז זיי קענען זיך נישט צופּאַסען צו די מעטאָדען, מיט וועלכע די אגודה האָט בדעה צו פיהרען דעם וואהל-קאַמף און דעריבער ענטזאָגען זיי זייער מיטאַרבייט.

## שטאדט-ראַט זאל פונאַנדערגעלאזט ווערען.

אין שטאָדט געהען אָרום עקשנות-דיגע קלאַנגען, אַז די מאַכט וועט די נאָהנטסטע טעג פונאַנדערלאָזען דעם קעלצער שטאָדט-ראַט.

די סיבה דערפון זאָל זיין, די נישט האַרמאָנישע צוזאַמענאַרבייט פון דער מעהרהייט ראַטמענער. אויף דער לעצטער שטאָדט-ראַט זיצונג האָבען די ענדעקישע און סאָציאַליסטישע ראַטמענער ערקלערט, אַז זיי וואַרפען פון זיך אַראָב די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער שטאָדט-ווירטשאַפט. פון די מאַנדאַטען אָבער, האָבען זיי זיך נישט אָבגעזאָגט.

די היגע פוילישע צייטונג „גאַזעטאַ-קיעלעצקאַ" איז ארויסגעטרעטען מיט מיט א שאַרף אַרטיקעל, אין וועלכען עס ווערט געפאָדערט תיכף צו צולאָזען דעם שטאָדט-ראַט.

# ערקלערונג.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם ארויסטריט פון די ח"ה: לייביש ראזענ־שטיין, משה ראבינאוויטש, וועלוועל איידעלשטיין און בריק'ס אין „ראד. לעבען" נומ. 352, ערקלער איך דא דעם גאנצען אמת ווי ס'איז פארגע־געקומען. שוין א רייהע יאהרען, ווי איך בין א פעדערן־סוחר און האב נאך קיינמאהל אין מיין לעבען קיינעם נישט משיג גבול געווען. דער ענין פון די אויבענדערמאנטע ה"ה איז פארגעקומען אזוי:

זייענדיג אין ווארשא מיט א געוויסען סכום סחורה, איז מיר שווער געווען צו לייזען. די פרייזען, וואס מ'האט מיר אנגעבאטען איז גינשטאנען צוצולייגען. אבער מיינער א בעקאנטער, אויך פון דער זעלבער בראנזשע האט מיר אנגעוויזען א ארט, ס'הייסט ביי דעם קריסט, וואו איך וועל קאנען לייזען לויט א אויסגעהאלטענער פרייז. ווען מיין זוהן איז ארויס־געגאנגען פון קריסט, האט ער אומגעריכט געטראפען אריינגעהן דעם ה' וועלוועל איידעלשטיין. ערשט דעמאלט האבען מיר זיך דערוויסט, אז ער האנדעלט דארט. ה' איידעלשטיין האט מיט מיין זוהן נישט גערעדט, נאר ערשט אויף דער סטאנציע האט זיין מעקלער אנגעשלאגען צו קויפען 10 קילא פעדערען אויף דער זעלבער פרייז, וואס דער קריסט, גאר אנשטאט וואס דער קריסט צאהלט קאסע, האט ער געוואלט אויף וועקסעל.

וואס שייך זייער פארוואורף, אז מיין פרוי און זוהן זאלען זיי האבען מכלופר'שט געמסר'ט איז אויך שקר. דער קריסט האט געפרעגט מיין פרוי און זוהן, צי מען שפירט נישט די סהורות און דערביי צוגעגעבען, אז אויב זיי וועלען נישט זאגען די ריכטיגקייט, וועט ער פרעגען אנדערע מבינים. נישט וועלענדיג קאמפראמיטירט ווערן, איז מיין זוהן געווען געצוואונגען צו זאגען דעם אמת, אז דריי זעק ווייערע זענען גוט און דעם פיערטען זאק שפירט מען. נישט אמת איז, אז זיי האבען היזק געהאט קרוב 800 זל. דריי זעק ווייערע האט דער קריסט צוגענומען א דאנק דער בעשטעטיגונג פון מיין זוהן און ביים פיערט׳ן זאק, וואס זיי האבען פעקויפט אין ווארשא איז אויך א גרויסע פראגע, צי זיי האבען היזק געהאט א פריכה. פון קיין דין־תורה זאג איך זיך נישט אפ, נאר צוליב ערב יום־טוב האב איך ביי זיי פערלאנגט אבצולעגען די ד"ת אויף חוה"מ. דערביי אין אינטערעסאנט דער פאקט, וואס איך האב אמאהל געמאכט מיט'ן ה' איי־דעלשטיין א איסור און א חירום ביי ר' נחמנ'לע מורה הוראה, אז איינער אהן צווייטען זאל נישט לייזען און דאך האב איך זיך דער אך ערפאהרען, אז ער האט עובר געווען אויפ'ן איסור. דאס קאן איך בעווייזען מיט עדות.

אט אזוי זעהט אויס מיין השגת גבול און ה' וועלוועל איידעלשטיינ'ס עהרליכקייט.

שלום צוקערמאן (יזאעל 20)


דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער

חבר מענדעל טשעכאנאווסקי צוליבן טויט פון זיין

פאטער אליעזר ב"ע

חבר'ה „אהבת הברים"

ראדאם.





# די סימבאלען פון ריינקייט.

ווען דער בעל־הבית נעהט ארום מיט א ליכט און איז בודק חמץ ערב פסח –

ווען דאס טייערע יום־טוב'דיגע געשיר גלאנצט ווידער אין זיין הערליכען גלאנץ, –

דאן שטעלט אויעך די בעל־הביתטע צערעס נעבען די ריינע, פסח'דיגע כלים, ווייל זי ווייס, אז דאס דאזיגע 100%־טיגע ריינע פלאנצען־פעטס איז שטרענג כשר און אז צו די פסחדיגע מאכלים קען מען אהן דעם פעטס בשום אופן נישט אויסקומען.




צ ע ר ע ס

איז א 100%־טיג ריינער פלאנצען־פעטס.

# עפענטליכע ערקלערונג.

אין צוזאמענהאנג מיט די בעפארשטעהענדע קהלה־וואהלען אין ראדאם געפונען זיך אזעלכע, וואס וועלען אריינפיהרען אין א טעות די עפענטלי־כע מיינונג, אז ביי דעם צוזאמענשטעל די וועהלער־ליסטע זענען טענדענ־ציעז אוימגעמיטען געווארען א גרויסע צאהל וואהל־בערעכטיגטע. מיר ערקלערען, אז דאס שטימט נישט מיט די ווירקליכקייט. דאס צוזאמענשטעלען די ליסטע איז פארגעקומען גאנץ אביעקטיוו אהן שום טענדענציעזע פניות. דאס פעהלען פון א טהייל פערזאנען ערקלערט זיך מיט דעם:

1) אזוי ווי ביי די יעצטיגע וואהלען, האבען וואהל־רעכט אפילו אזעל־כע, וואס צאהלען נישט קיין עטאט, האבען די ליסטעס נישט געקענט צו־נויפגעשטעלט ווערען לויט די עטאט־ביכער, נור פון ספעציעלע עווידענ־ציעס, וועלכע זענען נאך געמאכט געווארען פון די אלטע קהלה פאר שווער געלד, און מוזען ווערען גרינדליך איבערגעארבייט.

2) דאס פעהלען פון א געוויסע צאהל בערעכטיגטע ביי א צאהל פון איינ־גע טויזענד וועהלער איז א גאנץ נארמאלע ערשיינונג און צוליעב דעם צוועק איז ארויסגעגעבען געווארען א אויפרוף, אז מען זאל זיך מיט די וועהלער ליסטע פעראינטערעסירען און קומען נאכקא:טראלירען, צי מען פיגורירט און אויב נישט אריינטראגען א רעקלאמאציע.

די מומלער זענען יעדענפאלס נישט אויסען די טובה און די גאנצ־קייט פון דער קהלה. זיי ווילען נור כאפען פיש אין מוטנעם וואסער, זיי בעמיהען זיך נור צו פערפעסטען די אטמאספערע פון דעם יודישען האריזאנט אין ראדאם.

וואהל־קאמיסיע

פון דער יודישער קהלה אין ראדאם.




Redaktor Ch. M. Herc

Drukarnia Wyd. Radomer-Kelcer Leben" Radom, ... 20.